ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר
# עקב

אידיש

**546**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# חמשה וארבעים

**• עקב •**

אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן, צוויי און צוואָנציג זאַכן וואָס דער מענטש זאָל אָפּהיטן, און דער וועלכער קען נישט אָפּהיטן אַלע.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון פינף און פערציגסטער פרק

א. אויב דער מענטש קען נישט מקיים זיין אַלע, זאָל ער כאָטש מקיים זיין אַ טייל - עטליכע משלים אויף דעם............................................... ו
ב. אַ עצה צו דעם מענטשן וואָס איז אַלט געוואָרן און איז געווען נאָכגעלאָזן אין זיין יוגנט אין תורה און מצות, ווי זאָל ער תשובה טאָן אויף דעם................. ז

# פרק חמשה וארבעים

**א. יוצר האדם,** השם יתברך וואָס האָט באַשאַפן דעם מענטש און איז מקבל די בעלי תשובה, האָט אונז געגעבן די תורה און מצות צו הייליגן אונזער גוף און אונז מזכה זיין צו יענער וועלט, ווייל זיין מדה איז צו באַגיטיגן זיינע באַשעפענישן, און דער מענטש זאָל פון אים נישט אָפגעשטופט ווערן.

**ב. אשר על כן,** און כדי דער מענטש זאָל זיין געליבט צו השם יתברך וועל איך שרייבן אין דעם פרק צוויי און צוואָנציג זאַכן וואָס דער מענטש זאָל זוכה זיין צו דעם גוטס וואָס איז באַהאַלטן צו די צדיקים.

א) אין דער פרי אַז ער גייט אין שול אַריין זאָל ער זאָגן "איך גיי אין שול – לשם יחוד קוב"ה ושכינתי' וכו'", דערנאָך זאָל ער זאָגן "**שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה' נלך**".

ב) ער מוז געוואָרנט זיין ער זאָל נישט זאָגן קיין שום ברכה אָן כוונה.

ג) ער זאָל זיין זייער אָפגעהיט פון זאָגן די ברכות און די זמירות גיך, נאָר מדקדק זיין צו זאָגן יעדן וואָרט ווי מען דאַרף, און דאָס זעלבע אויך יעדן ניקוד.

ד) ער זאָל נישט דאַווענען גלייך ווי ער קומט אַריין אין שול, נאָר ער זאָל זיך מיישב זיין פאַר וועמען ער שטייט, און פאַר וועמען ער וועט דאַווענען, און זאָל געדענקען די גדולה און די הויכקייט פון השם יתברך.

ה) ער זאָל נישט רעדן קיין שום פרעמדע רייד פאַרן דאַווענען, אָדער גלייך נאָכן דאַווענען.

ו) ער זאָל זיין אָפגעהיט פון שפייען אין שול, און אַז עס ווילט זיך אים שפייען, זאָל ער שפייען אין אַ פאַטשיילע (אַ טיכעלע).

ז) ער זאָל נישט אַריינטאָן דעם פינגער אין אויער, אָדער אין נאָז, ביים דאַווענען, און אַז ער האָט עס שוין געטאָן, מוז ער וואַשן די הענט ווי עס שטייט אין שולחן ערוך.

ח) ער זאָל זיין אָפגעהיט צו דאַווענען נאָר אין סידור און נישט פון אויסנווייניג, אויסער די ערטער וואָס ער דאַרף פאַרמאַכן די אויגן.

ט) ער זאָל דאַווענען מיט גרויס שמחה, נאָר אין דער צייט ווען ער דערמאַנט זיך אין זיינע זינד, זאָל ער וויינען אויף זיי, און זאָל נעמען די טרערן און אָפוואַשן מיט זיי דעם שטערן, און זאָל זאָגן "מיינע טרערן זאָלן פאַרלעשן דעם צאָרן פון השם יתברך", און זאָל מכוין זיין אַז די טויערן וואו די טרערן פון דעם מענטשן גייען אַריין, זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן.

י) ער זאָל נישט דאַווענען אויפן קול אַפילו אין פסוקי דזמרה, נאָר מיט גרויס הכנעה, און מיט נחת כדי ער זאָל ווייזן זיין הכנה פאַר השם יתברך.

יא) ער זאָל גיין גאַנץ גיך אין שול דאַווענען, און זאָל זאָגן דעם פסוק "**בבית אלקים נהלך ברגש**", און זאָל איבערקוקן זיינע שיך, עס זאָל זיך אָן זיי נישט אָנקלעפן אַ שמוציקע זאַך.

יב) ער זאָל נישט אַריינגיין אומזיסט אין בית המדרש אָדער אין שול אַריין. און אויב ער דאַרף אַרויסרופן אַ מענטשן פון דער שול, זאָל ער אַביסל זיצן אין שול, און זאָל זאָגן אַ מזמור פון תהלים, און דערנאָך זאָל ער אַרויסגיין.

יג) ער זאָל זיין אָפּגעהיט צו גיין דאַווענען גאַנץ פרי, כדי ער זאָל דאַווענען בציבור, און דער וועלכער היילט זיך צו גיין אין שול אין צייט, איז זוכה צו אַ רוח טהרה.

יד) ער זאָל זיך קובע זיין אַן אָרט אין שול וואו צו דאַווענען, און ער מוז זיין אָפּגעהיט, נישט צו זיין קיין איבעריגער עָניו, דורך דעם וואָס ער איז קובע זיין אָרט אויף אַ נידעריגן אָרט, ווייל, איבעריגע ענוה איז אויך גאוה, נאָר ער זאָל קובע זיין אַ מיטל אָרט נישט אויבן-אָן און נישט גאָר אונטן.

טו) ער זאָל מכוין זיין צו זיין אין דעם כלל פון צדיק, דאָס מיינט, ער זאָל אַלע טאָג ענטפערן **צ׳** ניינציק מאָל אמן. **ד׳** פיר מאָל קדושה, איין מאָל נאָך ישתבח און די קדושה פון שמונה עשרה פון שחרית און די קדושה פון ובא לציון און די קדושה פון שמונה עשרה פון מנחה, **י׳** צען קדישים, **ק׳** הונדערט ברכות. און דעמאָלט וועט ער אָנגערופן צדיק, און אום שבת זאָל ער אָנפילן די הונדערט ברכות מיט פירות.

טז) אַז ער דאַוונט שמונה עשרה זאָל ער צומאַכן די אויגן, און ער זאָל זיך פאָרשטעלן ווי אַ גרויסער פייער ברענט פאַר אים, און אַז ער וועט דערויף קוקן וועט דאָס אים פאַרברענען. און זאָל אַריינגעמען איין האַנט אין דער אַנדערער.

יז) ער זאָל נישט אויסציען די צוויי גראָבע פינגער וואָס הייסן ״אגודל״, נאָר ער זאָל זיי אַריינעמען אין זיינע הענט.

יח) ער זאָל געבן צדקה פאַרין דאַווענען און זאָל זאָגן דעם פסוק ״**אני בצדק אחזה פניך**״, און אין שולחן ערוך פון האר״י ז״ל שטייט: אַז דער האר״י ז״ל פלעגט געבן צדקה,

בשעת ער האָט געזאָגט אין ויברך דוד "ואתה מושל בכל". און די צדקה דאַרף מען געבן שטייענדיג.

יט) אַז ער ענטפערט אמן, מוז ער מכוין זיין דעם ענין פון דער ברכה, דהיינו: אַז מען לויבט השם יתברך מיט דער ברכה. זאָל ער מכוין זיין מיט דעם אמן גלייך ווי ער זאָגט עדות אַז דאָס איז אמת. און אַז מען בעט השם יתברך מיט דער ברכה מוז מען דאָך מכוין זיין דעם אמת ווי אַ תפילה הלואי זאָל השם יתברך אַזוי טאָן. און זאָל נישט ענטפערן קיין אמן אויב ער האָט נישט געהערט די ברכה, דאָס ווערט דאָך אָנגערופן "אמן יתומה", און זאָל נישט אָפכאַפּן דעם אמן, נאָר ער מוז מאריך זיין צו דריקן דעם נו"ן פון אמן.

כ) איך האָב געזען מענטשן וועלכע זאָגן די ברכה "על נטילת ידים" אין שול מיט'ן חזן, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין געזאָגט די ברכה אין שטוב. דאָס איז אָבער אַ טעות, מען טאָר נישט זאָגן די ברכה צוויי מאָל, נאָר דער חזן מעג זאָגן די ברכה נאָכאַמאָל אין שול אויף מוציא זיין די וועלכע פאַרשטייען נישט און קענען נישט זאָגן אַליין.

כא) עס שטייט געשריבן אין שולחן ערוך פון האר"י ז"ל, אַז דער מענטש מוז לערנען אין טלית און תפילין.

כב) ער זאָל אויך לערנען סתרי תורה ווען ער קען.

**אויב דער מענטש קען נישט מקיים זיין אַלע, זאָל ער כאָטש מקיים זיין אַ טייל - עטליכע משלים אויף דעם.**

**ג. אמר,** און אויב דער מענטש קען נישט מקיים זיין די אַלע, זאָל ער מקיים זיין וואָס ער קען, און זאָל נישט זאָגן אַז ווייל ער קען נישט מקיים זיי אַלע, וואָס וועט ער אויפטאָן דערמיט וואָס ער וועט

מקיים זיין אַ טייל. אויף דעם איז דאָ אַ משל, אַ מענטש האָט געהאַט אין בייטל צוויי און צוואָנציג רענדלעך, איז געוואָרן אַ לעכל אין בייטל, זענען אַלע רענדלעך אַרויסגעפאַלן, און עס איז געבליבן בלויז איין רענדל, זאָל ער דעם רענדל אויך אַוועקוואַרפן? איז עס דאָך זיכער אַ נאַרישקייט. דאָס זעלבע איז אויך ווען ער קען מקיים זיין נישט מער ווי איין מצוה, זאָל ער די איינע מקיים זיין, און עס איז מעגליך, אַז ער איז גאָר געקומען אויף דער וועלט צוליב מקיים זיין אָט די איין מצוה, ווייל ער האָט איר אין דעם ערשטן גלגול נישט מקיים געווען, און אַז ער וועט זי היינט אויך נישט מקיים זיין וועט ער מוזן נאָך אַמאָל מגולגל ווערן. נאָך אַ משל איז פאַראַן, אַ קעניג האָט געשיקט איינעם אין מלחמה, און האָט אים אָנגעזאָגט צו טאָן אין דער מלחמה הונדערט זאַכן, און דער קעניג האָט געטראַכט אַז ער וועט מקיים זיין בלויז איין זאַך, און דעריבער האָט ער אים אָנגעזאָגט הונדערט זאַכן כדי ער זאָל ווייניגסטנס מקיים זיין איין זאַך, אַזוי אויך השם יתברך שיקט די נשמה אויף דער וועלט מלחמה צו האַלטן קעגן דעם יצר הרע, און האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל מקיים זיין תרי״ג מצות, אַז יעדערער זאָל מקיים זיין וואָס ער וועט קענען, און צווישן אַלע אידן ווערט מקוים אַלע תרי״ג מצות.

## אַ עצה צו דעם מענטשן וואָס איז אַלט געוואָרן און איז געווען נאָכגעלאָזן אין זיין יוגנט אין תורה און מצות, ווי זאָל ער תשובה טאָן אויף דעם

**ד. ואתה,** און דו מענטש, וואָס אין דיין יוגנט האָסטו זיך געפוילט צו לערנען תורה, און מקיים זיין מצות, און אויף דיין עלטער האָסטו חרטה דערויף, און האָסט נישט קיין כח זיי מקיים צו זיין, הער זיך צו וואָס איך וועל דיר זאָגן: זיי זיך מתוודה אויף די זינד וואָס דו האָסט ביז אַהער געטאָן, און זיי פאָרזיכטיג, פון איצט אָן נישט צו טאָן קיין שום עבירה, און באַהעפט זיך צו די וועלכע היטן תורה און מצות צו הערן וואָס זיי רעדן, און שטרענג זיך אָן אויף צו טאָן די תורה

און מצות, כאָטש דו קענסט זיי נישט מקיים זיין, און אַ גוטע מחשבה איז השם יתברך מצרף צו אַ מעשה. איז ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט איז ער אָנגעלאָדן מיט מצוות און וועט זוכה זיין צו זען אין דער זיסקייט פון השם יתברך, פונקט ווי דער וועלכער איז ״קונה עולמו בשעה אחת״.

**ה. לכן,** דעריבער, דער וואָס האט זיך געפוילט אין זיין יוגנט צו מקיים זיין די מצות, זאָל ער נישט זאָגן אויף זיין עלטער, אַזוי ווי איך בין שוין פאַרלוירן, וועל איך שוין ווייטער אויך פאַרלוירן ווערן, און איך וועל טאָן וואָס מיין האַרץ גלוסט. זאָל ער אַזוי נישט זאָגן, ווייל, ער האָט די מעגלעכקייט צו פאַרעכטן, און וועט זוכה זיין צו זיין חלק אין גן עדן, ווייל, השם יתברך וויל אַז דער מענטש זאָל תשובה טאָן, אין וואָס פאַר אַ אופן ער קען תשובה טאָן, און דורך דעם וואָס דער מענטש וויל מקיים זיין תורה און מצות ווערט גערעכנט ווי ער וואָלט זיי מקיים געווען, ווי עס שטייט אין פסוק ״והי׳ עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם וגו׳ ואהבך וברכך והרבך וגו׳״, דער פשט איז, אַז אויב עס וועט זיין ״**והיה עקב תשמעון**״ אַז איר וועט הערן, וועט השם יתברך עס רעכענען גלייך ווי ״**ושמרתם ועשיתם אותם**״, און דעמאָלט וועט זיין ״**ואהבך וברכך והרבך וגו׳**״.

**ו. משל,** דאָס איז אַ משל צו אַ מענטש, וואָס אַ גאַנץ לעבן האָט געגעסן פעטע פלייש און אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט. בלויז איין מאכל וואָס איז געווען ספּעציעל פאַר'ן קעניג, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון עסן, און אַז ער איז אַלט געוואָרן, און האָט שוין נישט געהאַט קיין געלט, האָט ער זיך דערמאַנט אין די עסנוואַרג וואָס ער האט געגעסן אין זיין יוגנט, און האט זיי נישט געגלוסט, ווייל ער האָט זיי שוין פיל מאָל געגעסן, נאָר צו אָט דעם מאכל וואָס איז געווען ספּעציעל פאַר'ן קעניג האָט ער זיך אַזוי שטאַרק געגלוסט, ביז זיין פנים איז פאַרענדערט געוואָרן, און איז געוואָרן בלויז הויט אוןביינער, און

איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז ער איז געוואָרן אַזוי גרויס ווי אַ קליין קינד. און אַז דער מענטש קומט צו אַזאַ צושטאַנד, איז גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געגעסן, און ווי גלייך ער לעבט אויף ברויט און וואַסער.

**והנמשל,** און דער נמשל איז, דער מענטש וואָס איז שטענדיג געגאַנגען נאָך די תאוות פון זיין יצר הרע, נאָר איין מאכל האָט ער זיך נישט אָנגעשטרענגט מקיים צו זיין, דאָס איז די תורה און די מצוות, און אַז ער קומט אויף דער עלטער וויל ער תשובה טאָן, נאָר ער האָט שוין נישט דעם כח צו לערנען תורה און מקיים זיין מצות. נאָר צוליב דעם גרויסן צער וואָס ער האָט דערפון וואָס ער האט נישט געלערנט און נישט מקיים געוועזן די מצות אין זיין יוגנט, און צוליב די גרויסע תאוה וואָס ער האָט צו די תורה און מצות, צעגייט דער חומר פון זיין גוף, ממילא, מאַכט ער זיין גוף קליין, און ווערט גערעכנט ביי השם יתברך ווי אַ קינד וועלכער גלוסט צו לערנען תורה, און מקיים זיין מצות, און ער שטאַרבט איידער ער ווערט דערוואַקסן, רעכנט דאָך השם יתברך ביי אים זיין גוטע מחשבה ווי ער וואָלט געטאָן אַ מעשה, אַזוי אויך ביי דעם אַלטן מאַן, צוליב זיין חשק מקיים צו זיין תורה און מצות, ווערט זיין גוף מאָגער און קליין און גלוסט צו לערנען תורה, און כאָטש ער שטאַרבט ווען ער האָט נישט געלערנט, ווערט עס גערעכנט פונקט ווי ער וואָלט געלערנט, ווי עס שטייט פריער.

**ז. לכן,** דעריבער זאָל קיין מענטש זיך נישט מייאש זיין פון רחמים, אַפילו די וועלכע טוען תשובה אויף זייער עלטער. ווייל, די אַלע האָבן אַ תקנה ביז אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט אַז אַפילו די תשובה וואָס דער מענטש טוט בשעת זיין טויט איז זי השם יתברך אויך מקבל, נאָר דער וואָס זאָגט איך וועל זינדיגן און וועל תשובה טאָן פאַר מיין טויט, די תשובה ווערט נישט אָנגענומען, ווייל דאָס וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, רעדט זיך ביי אַזאַ וואָס האָט געזינדיגט דערפאַר וואָס דער יצר הרע האָט געשטופט דערצו, אָבער נישט אַז ער זינדיגט

טראַכטנדיג אַז ער וועט תשובה טאָן פאַר זיין טויט. השם יתברך זאָל טאָן אונזער חלק, מיט די וועלכע טוען זיין ווילן, און מיט די וועלכע טוען תשובה אין זייער יוגנט, כאָטש די תשובה העלפט דאָך אַלע מאָל, פונדעסטוועגן די תשובה פון דער יוגנט איז אַסאַך בעסער.

❁ ❁ ❁